,Radomer-Kielcer Leben" 5 (345) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" VIII-טער יאהרגאנג פרייז 25 גראשען

היינט א זייט.

Radom, dnia 30 Stycznia 1931 r.

ראדאם, פרייטאג י״ב שבט תרצ״א

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

אנאנסען - פרייז:
אין מילימעטער שורה: פארן טעקסט 40 גר.
„ „ „ אין „ 60 „
„ „ „ נאכ׳ן „ 25 „
די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאלטען
8 שפאלטען
אין טעקסט 4 „

# ראדאמער-קעלצער לעבען

## דאנקזאגונג.

דער ראט און פערוואלטונג פון די הויזווירטען-באנק אין קעלץ דריקט אויס א דאנק איהר ג׳ פרעזעס ה׳ ר א ט מ א ן פאר זיין אינערמידליכע ארבייט לטובת דער באנק, ווי אויך פאר זיין צוטרוי, וועלכען ער האט בעוויזען מיט׳ן אריינטראגען נייע 10 טויזענד זלאטעס, בכדי די טעטיגקייט זאל פערגרעסערט ווערען.

גלייכצייטיג דריקען מיר אויס א דאנק דעם פערוואלטונגס-מיטגליד ה׳ ב. שמולעוויטש פאר זיין אריינטראגען אין דער קאסע נייע 5 טויזענד זל.

ראט און פערוואלטונג
פון דער הויזווירטען-באנק אין קעלץ.

## Udziałowa Spółdzielnia Kredytowa
z ogr. odpow
**w RADOMIU, ul. Żeromskiego 11**

ערלעדיגט אלערהאנט באנק-אפעראציעס, נעמט אן „וקלאדען"
אנהויבענדיג פון דער קלענסטער סומע און נעמט אן

**אינקאסעס אויף גאנץ פוילען צו מינימאלע פרייזע.**
צוליב בעקומען אין באנק-פאלסקי

**זשירא-רעכנונג (rachunek żyrowy)**
ווערען אנגענומען וועקסלען צו אינקאסירען דורך באנק-פאלסקי
צו נארמאלע פרייזען וואס אין באנק פאלסקי

## KINO
# „NOWE CZARY"
w RADOMIU.

פון מאנטאג דעם 2 לוטי ה. י.
וועט דעמאנסטרירט ווערען
דאס הערליכסטע בילד פון סעזאהן א. נ.

# TRÓJKA

אין דער הויפט-ראל:
דאס אונפערגלייכליכע ליבע-פאר
**OLGA CZECHOWA**
און
דער אונפערגעסליכער העלד פון פילם
„העלגא", „וואלגא"...
**H. A. SCHLETTOW**

!! אלע מוזען זעהן דאס שעהנע בילד !!

אכטונג! מיטגלידער פון סורוויט אכטונג!
שבת דעם 7 פעברואר 3 נאכמיטאג קומט פאר

## א אלגעמיינע בעריכטס=פערזאמלונג

אין לאקאל פון האנדווערקער-קלוב וואלאווע 59
אויף וועלכע איהר ווערט געבעטען צו קומען.
בעמערקונג! דער צווייטער טערמין אין זעלבען טאג פינקטליך
4 נאכמיטאג ביי יעדער צאהל אנוועזענדע.

די רעוויזיאנס-קאמיסיע.

דערמיט מאכען מיר בעקאנט, אז מיר האבען דעם

## קאמיסיאנס=לאגער
## פון אונזערע אויסארבייטונגען

אויף לאדז און לאדזער ראיאן איבערגעגעבען דעם ה׳

# יוליוש לעווענשטיין

דאס קאמיסיאנס-לאגער געפונט זיך אין לאדז
**אנדזשעיא 12,**
**טעל. 23-217, און 33-192**

מיר בעטען מיט זעמטליכע בעשטעלונגען זיך צו ווענדען צום דערמאנטען קאמיסיאנס-לאגער.

**אקציע געזעלשאפט**
**פון דער בוימוואל מאנופאקטור**
**י. ק. פאזנאנסקי, לאדז**

# פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע

## אין ראדאם.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם בעריכט פון דער יעהרליכער אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער ציונ. ארגאניזאציע אין ראדאם, וואס איז ערשיענען אין אונזער צייטונג פון 23|1 ר. י. № 344 בעט מען אונז פון סעקרעטאריאט פון דער ציונ. ארג. צו פערעפענטליכען א אויסבעסערונג פון דער אבגעדרוקטע ליסטע מיטגלידער פון נייעם קאמיטעט, אין וועלכען עס זענען על פי טעות דורכגעלאזט געווארען די נעמען ח"ח פרוס. פ. מושקטבליטה און אהרן מערין.

# וועגן אנולירן אלטע שטייערן.

## וואס זאגט דער נייער אקולניק?

דעם פינאנץ-מיניסטעריום האט צוגעשיקט צו אלע איזבא סקארבאוועס א נייעם אקולניק, אין וועלכען עס ווערט בעדייטענד פערברייטערט די קאמפעטענץ פון די „אוזשאנדען" און פון די „איזבעס" וועגען מאכען הנחות און צולייגען אויף ראטעס די פערלעגענע שטייערן.

אין דעם אקולניק ווערט געזאגט:

1) די איזבא סקארבאוועס זענען בעאויפטראגט צו שענקען די פערלעגענע סומעס פון הכנסה-שטייער, וואס קומט ביז'ן יאהר 1930 איי שליסלין. אבער נישט מעהר ווי ביז 500 זלאטעס, דאס הייסט, אויב מען איז שולדיג מעהר, קען מען נישט שענקען. אין אזעלכע פאלען, וואס מען איז שולדיג גרעסערע סומעס „דאכאדאווי", קען מען זיך ווענדען דירעקט צו פינאנץ מיניסטעריום.

2) די איזבא סקארבאוועס קענען שענקען פערלעגענע גרונט-שטייערן, וואס בעטרעפט נישט מעהר פון צוויי טויזענט זלאטעס, אחוץ שטראף און ציגזען, אויב דער חוב קען נישט מעהר ווערען אויסגעמאנט.

3) די איזבא סקארבאווא האט די קאמפעטענץ צו צולייגען אויף ראטעס אויף א צייט ביז 12 חדשים אזעלכע סומעס „פאדאטקעס", וועלכע בעטרעפען א שטראף, ציגזען און עקזעקוציע-קאסטען נישט מעהר פון תונדערט טויזענט זל.

4) די אוזשענדען סקארבאוועס בעקומען די קאמפעטענץ אלע פערלעגענע שטייערן, וועלכע בעטרעפען ביז צען טויזענט זלאטעס. אחוץ שטראף, ציגזען און עקזעקוציע-קאסטען, אויסצוצאהלען אין ראטעס אין משך פון 6 חדשים, אין אויסנאהם פאלען זאגאר ביז איין יאהר.

5) די אוזשאנדעס האבען אויך רעכט צו פראלאנגירען איינגאנצען דאס צאהלען די פערלעגענע שטייערן, וואס בעטרעפען ביז 5 טויזענד זל. אויף א צייט פון צוויי חדשים.

אין איינצעלנע אויסנאהם-פאלען קען מען אויך פראלאנגירען ביז א יאהר צייט.

6) די דאזיגע פראלאנגאציעס און צולייגען אויף ראטעס איז נישט מעגליך צו מאכען אויף די „זאליטשקעס פון פאדאטעק אבראטאווי און דאכאדאווי". די דאזיגע זאליטשקעס קען מען צולייגען נור אויף צוויי ראטעס, אויסצוצאלען אין משך פון 2 חדשים.

7) די אוזשענדעס און די איזבאס האבען די קאמפעטענץ אין אלע פאלען, ווען צולייגען אויף ראטעס אדער פראלאנגירען, צו פערקלענערען די גרויס פון די ציגזען, וואס מען נעמט פאר אויפהאלטען דאס צאהלען. מען קען פערקלענערען ביז אויף 1 פראצענט חודשליך.

לויט דעם דאזיגען נייעם אקולניק איז בעדייטענד פערברייטערט געווארען די קאמפעטענץ פון די אוזשענדעס בנוגע דאס פראלאנגיגען און צולייגען אויף ראטעס, און עס איז אויף פערבריימערט געווארען די קאמפעטענץ פון די איזבאס בנוגע דאס שענקען די נישט איינגעמאנטע שטייערן.

אויב מען וויל זיך ווענדען צו דער איזבא וועגן אנולירען „זאלעגלי פאדאטקעס", וועלכע מען קען נישט אויסמאנען, ווייל דער שטייער-צאהלער איז פערארימט, דארף מען די ביטע אויסשרייבען און אדרעסירען זי צו דער איזבא, אבער מען דארף זי דערלאנגען צום ארטיגען אוזשאנד מיט א ביטע זי איבערצושיקען צו דער איזבא.

אין אזא ביטע, וועגן שענקען זאלעגלי פאדאטקעס, דארף מען אנווייזען פאר וואס מען קען נישט בעצאהלען די שולדיגע שטייערן, פארוואס מען זעהט נישט קיין מעגליכקייטען צו קענען זי אמאהל בעצאהלען, אנווייזען אויף וויפיעל מען איז פערארימט און בעטען דאס מען זאל שענקען דים שטייערען חוב.

דער אוזשאנד פיהרט דורך א אויספיהרליכע קאנטראל צי דער שטייער צאהלער איז ווירקליך נישט אימשטאנד צו בעצאהלען. און אויב נאך אזעלכע צוויי אויספארשונגען ווערט מיט עדות בעשטעטיגט, אז מען קען טאקע נישט אויפמאהנען דער שטייער-חוב און אז דער שטייער צאהלען איז טאקע נישט אימשטאנד צו צאהלען — ווערט דער חוב אנולירט.

# טאג-בוך

# פון א ראדאמער זעלבסטמערדער

ווען איך בין געקומען קיין פאלטאוועטאיוע צום געוועזענעם ראדאמער פולקאווניק אויפמאהנען די טויזענד רובל פאר מיין טרחה האט מען שוין דעמאלט געגומען שמועסן, אז עס גרייט זיך אויף דער וועלט א גרויסע מלחמה. מ'האט יא געגלויבט דערין און מ'האט נישט געגלויבט. די טעג זענען דערווייל נישט געשטאנען און איך האב דאס מייניגע נישט פערגעסען. איך בין כסדר טאג נאך טאג געגאנגען צום פולקאווניק, וועלכער האט אויך אין פאלטאווע פערנומען אנגעזעהענעם פאסטען אין דער רוסישער זשאנדארמעריע. געזעהן, אז ער קען נישט מיינע פטור ווערען האט ער שוין לעצטענס אנגעזאגט זיינע אונטערטהעניגע, אז וויבאלד איך וועל זיך מעלדען אין זיין קאנצעלאריע זאל מען מיך נישט אריינלאזען.

פערשטעהט זיך — האט פיניעלע ווייטער גערעדט – אז זיין בעפעהל איז אויסגעפיהרט געווארען און איך האב מעהר נישט געקענט אריבערטרעטען די שוועל. איז דאך מיר פארט א שאד געוועזען די צוגעזאגטע 1000 רובעל. בין איך ווייטער נישט אבגעשטאנען און גענומען בשוט פערפאלגען דעם פולקאווניק אויף דער גאס, ס'איז אזוי ווייט געגאנגען ביז ער האט מיך איינמאהל געהייסען ארעסטירען, נאר ווייזט אויס, ער האט מיך מורא געהאט צולאזען אין ארעסט, ווייל אין דער רוסישער אויספארשונג'ס-אמט אין פאלטאווע האב איך פארגעשטעלט פערשידענע וויזיטקארטען פון אייער פרוי און פון איהם. כ'מיין דעם פולקאווניק און איך האב דארט דערקלערט די גאנצע געשיכטע פאר וואס איך מאהן מיך טויזענד רובעל. איך דער פאליציי האט מען אנגעהויבען זיך שושקען. די העכערע בעאמטע האבען געהויבען מיט די גלייצעס ווי זיי וואלטען אליין נישט פערשטאנגען מיין חטא, און צוליב וואס מ'האט מיך געהייסען ארעסטירען.

ווי איך האב דערנאך געהערט פון היניגער די קליטן האט מען דעם פולקאווניק געטענה'ן צו וויסען, אז ער זאל אבזאקען פון ענק ווייל דערפון קאן ארויס א גאנישט שעהנע סענסאציע וועלכע קאן איהם נאר קאמפראמיטירען. דער פולקאווניק האט זיך געכאפט דערויף אין תיכף פערריבען די גאנצע מעשה. פערשטעהט זיך, אז מיך האט מען באלד ארויסגעלאזט אויף דער פריי און דער פולקאווניק איז צו מיר געווארען גוט ווי א טויב. ער האט מיך פערבעטען צו זיך א היים און צו מיר אזוי געזאגט: הער, בייניעק, קיין טויזענד רובעל זיך צוגעבען האב איך נישט. אבער איך קען דיר שאפען א פערדיענסט וואס זאל מעהר ווערטה זיין פון טויזענד רובעל. איך בין געווארען זעהר נייגעריג אין האב ממש אויפגעצאפעלט, וואס אזעלכעס ער מיינט. האט מיר דער פולקאווניק מוסר געווען א סוד אז ס'איז אנגעקומען פון פעטערבורג א געהיימע ידיעה, אז אין די נאהנטסטע טעג ברעכט אויס די אייראפעאישע קריעג און, אז גאר שנעל וועט פאקומען א מאביליזאציע.

— אלזא, וואס וועט זיין?—האב איך א אונגעדולדיגער געפרעגט.

# קעלצער אפטיילונג.

## גראנדיעזע פייערליכקייטן צוליב די פערענדיגונג פון שוהל־רעמאנט.

ווי בעוואוסט, איז מיט א צייט צוריק פערענדיגט געווארען דער גרונדליכער רעמאנט פון דער קיעלצער גרויסער שטאדט־שוהל. די שוהל האט נאכ'ן דורכגעפיהרטען רעמאנט בעקומען א פראכטפולען אויסזעהן. די קינסטליכע מאלערייען, דאס עלעגאנטע מעבעל מאכען א הערליכען איינדרוק, אלץ איז פערהאן אזוי ווי עס פאסט פאר א בית־מקדש־מעט. די קעלצער שוהל קאן איצט גערעכענט ווערען אלס איינע פון די שענסטע שוהלען אין פוילען.

אין צוזאמענהאנג דערמיט האט דער גבאים־קאמיטעט צוזאמען מיט א גרופע אנגעזעהענע קעלצער געזעלשאפטליכע עסקנים צוגעגרייט א גראנדיעזען יום־טוב פאר די יודישע איינוואוינער.

דער פראגראם פון די פייערונגען איז זעהר א רייכער. זונטאג דעם 1-טן פעברואר קומט פאר אין דער שוהל א רעליגיעזער קאנצערט מיט'ן אנטייל פון א גוט איינשטודירטען כאר און ארקעסטער. גלייכצייטיג וועט פארקומען א התחלת ספר־תורה און די עפענונג פון א ספעציעלען ספר־הזהב, וואו עס וועלען פערצייכנט ווערען די נעמען פון אלע מיטהעלפער ביים דורכגעפיהרטען רעמאנט.

עס זענען נאך פאראויסגעזעהן פיעל אנדערע אינטערעסאנטע פייערליכקייטען. עס איז צו האפען, אז די גאנצע יודישע בעפעלקערונג אין קעלץ וועט אנטייל נעמען אין די גרויסע שמחה פון יודישען קעלץ.

אין איינע פון די נעכסטע נומערן „ראדאמער - קעלצער לעבען" וועלען מיר דרוקען א גרעסערע זאך וועגען דער ענטשטעהונג פון דער גרויסער שטאדט־שוהל מיט 25 יאהר צוריק.

## הימעל, ערד און... וואיעוואודזטווע.

די פראגע צי די קעלצער וואיעוואודסטווע וועט ווערען ליקווידירט אדער נישט, האט לעצטענס אנגעמאכט א שטארקען טומעל אין אלע קעלצער קרייזען. נאך מעהר צעמישונג ברענגען די אלע „אלארמען" וועגען דעם ענין.

ערשט מיט א וואך האט די „גאזעטא קעלעצקא" געשריבען, אז די אלע קלאגגען האבען נישט קיין גרונד, מיט א פאר טעג צוריק שפעטער האט עס דער וואיעוואדע זעלבסט ערקלערט אונזער מיטארבייטער אין שוין ברענגט דער לעצטער נומער פון דער זעלבער „גאזעטא קעלעצקא" א גרויסער אלארם־ידיעה, אז „מבורך ראטעווען קעלץ פאר די געפאר פון דער וואיעוואדסטווע־ליקווידאציע"...

וועמען גלויבט מען פארט?

## „אהרן הכהנ'ס א אייניקעל, דער בע"ג פון ציון, משה רבינ'ס 5 ספרים און... מכבי".

### בלאפערישע משיות פון א קעלצער פוילישער צייטונג.

די קעלצער פוילישע צייטונג „ע. ז." דערצעהלט אזא „הונדערט פראצענטיג אמת'ע" מעשה:

„דער 19 יעהריגער פנחס פון קעלץ האט א גרויסען כבוד. ער איז אהרן הכהנ'ס א אייניקעל און צוליב דעם איז ער א כהן גדול. ווען פנחס ד. פלעגט קומען דאווענען אין שוהל, פלעגען אלע זיך בוקען צו איהם און אפילו דער רב איז איהם אקייגען געגאנגען און געזאגט: זיי בעגריסט אונזער כהן־גדול!

ווען מען האט ארויסגענומען די 5 ספרים פון משה, פלעגט פנחס ד. דער ערשטער צוגעהן צום בארג פון ציון און מאכען הויך א ברכה. אלע אין דער שוהל האבען איהם מקנא געווען און אבגעטוהן כבוד.

מיט איינמאהל איז דעם כהן איינגעפאלען א געדאנק אריינצוטרעטען אין ספארט־קלוב „מכבי" און דא הויבט זיך אן זיין ירידה. ר'. איטשעלע דער רב פון די שוהל האט דערהאלטען א בריעף, אז דער כהן איז געווארען א אפיקורס. א טרויער האט אלעמען איינגעהילט און ווען פנחס ד. איז געקומען אין שוהל אריין האבען אלע מיט א וויינענדיג קול איהם בעדרויערט און ווען דער כהן האט געוואלט ארויפגעהען, ווי שטענדיג, אויפן בארג פון ציון איז דער שמש צו איהם צוגעגאנגען און איהם ארויסגעוואָרפען פון דער שוהל".

ווי געפעלט אייך די כעלמער מעשה? הא?

## די טעטיגקייט פון „תומכי־עניים".

די פאפולערע קעלצער אינסטיטוציע תומכי־עניים האט לעצטענס פערטיילט 300 מעטער קוילען און 50 מעטער האלץ פאר ארימע יודישע פאמיליעס. אויסער דעם טיילט די אינסטיטוציע ווייטער פראדוקטען פאר נויטבעדערפטיגע.

„תומכי־עניים" פערדיענט דעריבער געשטיצט צו ווערען פון אלע שיכטען פון דער קעלצער יודישער געזעלשאפט, כדי דערמיט צו ערמעגליכען די ווייטערע טעטיגקייט פון דער דאזיגער זעהר נוצליכער אינסטיטוציע.

## ג ויסטער ערפאלג פון די גימנאסטישע איבונגען אין „מכבי".

ווי מיר האבען געהאט געמעלדען, זענען לעצטענס בעגייט געווארען די טעטיגקייט פון די גימנאסטישע סעקציעס ביי „מכבי".

איינינע מאהל אין דער וואך קומען פאר גימנאסטישע איבונגען, אנגעפיהרט דורך די מיטגלידער פר"ל ר. אורבייטעל און ש. אסטראוויטש, וועלכע האבען לעצטענס דורכגעמאכט דעם גימנאסטישען קורס פון וועלט פערבאנד פון „מכבי".

די איבונגען קומען פאר אין גרויסען און זעהר בעקוועמען זאל פון „מכבי"־קלוב. אין זאל זענען איינגעארדענט אלע נויטיגע, מאדערנע גימנאסטיק־מכשירים.

## נאך 10 יאהר געקומען פון ארץ־ישראל און פלוצלינג געשטארבען אין חוץ־לארץ.

מיט איניגע וואכען צוריק איז קיין קיעלץ געקומען א אנגעזעהענער עסקן פון דער ארץ־ישראל קאלאניע „בני־ברק" ה' חיים שמאראגט. דעם לעצטען פרייטאג איז שמאראגד געפאהרען קיין בוסק מיט א בעזוך צו זיינע דארטיגע קרוב'ם. קומענדיג קיין בוסק איז דער ה' שמאראגד פלוצלינג קראנק געווארען און איז נאך דעם זעלבען טאג געשטארבען.

דער דאזיגער טראגישער פאַרפאל האט אין קיעלץ ארויסגערופען א זעהר טרויריגען איינדרוק.

## מכבי־רינג

### פאנד צו בויען א ספארט־סטאדיאן פאר'ן יודישען ספארט־קלוב „מ כ ב י" אין קעלץ

ה' ל. דוכמאן גיעט 10 זל. און רופט ארויס די ה"ה'. הערמאן שטראזבערג, פ. אייזענבערג און ה. שאפשאוויטש

ה' מ. מארדקאוויטש גיעט 15 זל. און רופט ארויס די ח"ה: משה איזקאוויטש, פ. ראיענסליפ און ה. קאכען.

ה' ש. אסטראוויטש גיעט 10 זל. און רופט ארויס די ה"ה: ז. גאלדבלום, מ. קאנער, דאלעק טוימאן, יעזשי ראטמאן און בנימין כוואט.

ה' מ. קאנער ענטפערט מיט 5 זל. און רופט ארויס די ה"ה: ח. י. קענער, מאטיל קאהן, בנימין שיינפעלד, ב. אלבירט.

(פארטזעצונג קומט.)

צו דער פערלאבונג פון פר"ל ד א ר א ר א פ א פ א ר ט
מיט ה' ה ל ל פ י ש מ א ן
ווינש איך פיעל גליק און א הערצליכען מזל־טוב.
אברהם דוד גאלדבליט, קעלץ.

איך זוך א שטעלע

אלס **הויז = פערוואלטער (זשאנדצע)**

אין איין הויז, אדער אין עפליכע הייזער.

מיין בערוף איז א זשאנדצע.

ווענדען קאן מען זיך אין רעדאקציע „פאר א זשאנדצע".


# PRZETARG

Tymczasowy Zarząd m. Radomia rozpisuje niniejszym przetarg ofertowy na wydzierżawienie.

## ŁAŹNI MIEJSKIEJ w RADOMIU

Oferty w zapieczętowanych kopertach opatrzonych napisem „oferta na wydzierżawienie Łaźni Miejskiej w Radomiu", należy składać do rąk Kierownika Tymczasowego Zarządu m. Radomia, w Radomiu, Magistrat, Rynek. Do oferty dołączyć należy kwit na wpłacone do Kasy Miejskiej Magistratu m. Radomia wadjum przetargowe w wysokości Zł. 500.

Magistrat zastrzega sobie prawo dalszych pertraktacji z wybranymi przez się oferentami, jak również prawo swobodnego wyboru i oceny ofert bez względu na warunki w nich podane.

Informacji odnośnie warunków dzierżawy Łaźni Miejskiej udziela Wydział Gospodarczy Magistratu m. Radomia (Gmach Rzeźni) w dnie powszednie od godziny 9-ej do 12-ej.

Oferty, które wpłyną po dniu 20-go lutego 1931 r. nie będą rozpatrywane.

**Kierownik Tymczasowego Zarządu Miasta**
**(—) Wiktor Pietrusiewicz.**





Z dniem 1-go Stycznia 1931 r. został otwarty

**Skład Apteczny**

**B-ci SYLBERMAN**

KIELCE, Starowarszawska 10

**POLECA:** Materjały apteczne, chirurgiczne, środki opatrunkowe, specyfiki, przetwory chemiczne, chemikalja, artykuły techniczne, wody mineralne, naturalne i sztuczne, kosmetyki, perfumy i wody kolońskie we flakonach i na wagi, farby, pokosty, smary, oliwy, mydła, aparaty i przybory fotograficzne.

Polecamy się łaskawej pamięci
**Skład Apt.**
*B-cia Sylberman.*

*Kino dźwiękowe „ŚWIT"*

Dziś i dn. następnych

**HADŻI MURAT**

w roli głównej: **Iwan Mozżuchin i Lili Damita**

Nad program: doskonałe dodatki dźwiękowe.

Biuro Próśb i Podań

**„REKURS"**

**RADOM, ul. Rwańska 4** (Rynek 15, Grodzka 1)

**Załatwia i redaguje:**

podania do Magistratu i do Starostwa, do Władz Skarbowych, Sądowych i Wojskowych, oraz do innych instytucji.

**Przyjmuje tłumaczenia w językach:**
polskim, rosyjskim, żydowski, niemieck. i angielskim

*Korespondencja i windykacja należności*

Informacje o stanie kredytowym — Przepisowanie na maszynie

Biuro czynne codziennie od godz. 9-ej rano do godz. 8-ej wieczór.


זונטאג דעם 1 לוטי ה. י. 10 אזייגער אין דער פריה
דער ערשטער טערמין און 11 אין צווייטען טערמין קומט פאר
אין לאקאל פון „ע ז ר ה"

**א אלגעמיינע פערזאמלונג**

פון דער יודישער ספארט-געזעלשאפט

**„ב ר - כ ו כ ב א"**

אלע מיטגלידער ווערען געבעטען צו קומען פינקטליך.

בעמערקונג: קיין בעזונדערע איינלאדונגען ווערען נישט ארויסגעשיקט


LABORATORJUM

**Chemiczno - Bakterjologiczne**

Magistra Farmacji S. KAJLERA

**PRZYJMUJE**

analizy moczu, krwi, treści żołądka, plwociny i t. d.

**RADOM,**

**Żeromskiego 34.**

(dawniej Lubelska)


# דאנקזאגונג.

דערמיט האבען מיר דעם כבוד אויסצודריקען א דאנק אונזער השוב'ן מיטגליד דירעקטאר **ד. פרענקעל** פאר זיין גרעסערע צייט פאלוסט בעת'ן רעוידירען די ביכער פון אונזער אינסטיטוציע און פון די צעכען דעם 25 ד. ח. אין דער אנוועזנהייט פון ח' פרעזעס מ. קאפלער. וו. פר. ס. צימערמאן, קאסיר. ל. האנאווער, מיטגל. פון דער רעוו. קאמיטע — א. לעווין (פעלדשער).

די פערוואלטונג פון ה. **קלוב** אין ראדאם.


*Kino dźwiękowe ODEON*

Od 27 Stycznia r. b.

Wspaniały film dźwiękowy p. t.

**Broadway**

*Dodatki dźwiękowe*

*Kino „Nowe Czary" Teatr*

Dziś i dni następnych!

**Awantury Chińskie**

w rol. gł.: Karol Dane (Slim)

**Wilki i Szakale**

**MORSKIE**

*Kino dźwiękowe CORSO*

Dziś i dni następnych

**Anioł pod szminką**

w roli gł. Billie Dove

Nad program *Dodatki dźwiękowe.*


Redaktor Ch. M. Herc

Drukarnia Wyd. Radomer-Kelcer Leben" Radom Szwedzikowska 20.